**גליון 299**
**חג הסכות תשפ"ז**



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# הֵייליגֶע טְרֶערְן

**נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְן גֶעפוּנֶען דָאס קִינְד, זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע מְדִינָה. זֵיי הָאבְן גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער אִיז עֶנְקֶער קֶענִיג?" הָאבְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע מְדִינָה גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זֵיי הָאבְן אוֹיסְגֶעוֶועלְט 'רְצִיחָה' אַלְס זֵייעֶר הֶעכְסְטֶער צִיל, אוּן דֶערְפַאר הָאבְן זֵיי בַּאקְרוֹינְט אַ רוֹצֵחַ פַאר אַ קֶענִיג.**

**אֵיין טָאג הָאבְן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַ פְרוֹי וָואס זִיצְט אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט. גְלַייךְ הָאבְן זֵיי גֶעטְרַאכְט: "זִי מוּז זִיכֶער זַיין אַ גָאר גְרוֹיסֶע מֶערְדֶערִין, אַז זִי זִיצְט אִין אַזַא יַם פוּן בְּלוּט." הָאבְן זֵיי אִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס זֵייעֶר קֶענִיגְן. אָבֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר אִין צִימֶער, וָואס הָאבְן זֵיי אַנְטְדֶעקְט? אַז דָאס אִיז דִי קֶענִיגְן וָואס וֵויינְט אָן אוֹיפְהֶער, אוּן פוּן אִירֶע טְרֶערְן אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע יַם פוּן בְּלוּט.**

**דֶער כֹּחַ פוּן רְצִיחָה קֶען נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן צוּ רַחֲמָנוּת, אַזוֹי אַז דִי מִדָּה פוּן רְצִיחָה - וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן בְּלוּט אוּן הַרְגֶ'ענֶען - קֶען וֶוערְן אַ טַייךְ פוּן טְרֶערְן וָואס פְלִיסְט פוּן אַ בֶּענְקֶעדִיג אוּן אִיבֶּערְגֶעפִילְט הַארְץ פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.**

מְ'הָאט גֶעשִׁיקְט שְׁרַגָא'ן פוּן דֶערְהֵיים עֶר זָאל בַּאגְלֵייטְן זַיין זֵיידְן צוּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת. דֶער עֶלְטֶערֶער זֵיידֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ לַאנְגֶע שְׁטֶעקְן זִיךְ אָנְצוּלַאנֶען, אָבֶער צוּמָאל, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין טְרֶעפּ, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַ צְוֵייטְן זָאל אִים גֶעבְן אַ הַאנְט. שְׁרַגָא, דֶער עֶלְטְסְטֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ גֵיין מִיט זַיין זֵיידְן. אָפְטְמָאל, וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל צַייט, פְלֶעגְט זִיךְ זַיין הַארְץ עֶפֶענֶען אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין "זֵיידֶע" זַאכְן וָואס קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אֵיינִיקְל הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט.

אוֹיךְ יֶעצְט, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פְרִי צוּם זַאל וֶוען דִי בַּעֲלֵי שִׂמְחָה זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן אַרוֹיסְצוּגֵיין אִינֶעם הוֹיף כַאפְּן אַבִּיסְל פְרִישֶׁע לוּפְט אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט שְׁרַגָא, זַיין בַּאלִיבְּט אֵיינִיקְל.

אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן הָאט שְׁרַגָא זִיךְ גֶעעֶפְנְט דָאס הַארְץ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָא אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְט, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ מוּז זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיינֶע דַאגוֹת..."

"נוּ, נוּ, לָאמִיר הֶערְן," הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעזָאגְט מִיט אַן עֶרְנְסְטְן שְׁמֵייכְל. "אַמָאל, וֶוען אִיךְ זֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין כִּתָּה, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף בְּכָבוֹד'ִיג צוּ אַ צְוֵייטְן קִינְד, אָדֶער וֶוען אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גוּט דֶעם שִׁיעוּר, אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אִיךְ דַאוֶוען, וִויל אִיךְ פָּשׁוּט... וֵויינֶען... יָא, מַיינֶע אוֹיגְן פִילְן זִיךְ אָן מִיט טְרֶערְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז יֶעדֶע רֶגַע גֵייט אַ גֶעוֵויין מַמָּשׁ אוֹיסְפְּלַאצְן פוּן מִיר. אִיךְ פְּרָאבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶס צוּרִיקְצוּהַאלְטְן אוּן אִיךְ בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ כְּדֵי מְ'זָאל נִישְׁט זֶען מַיינֶע טְרֶערְן, אָדֶער גֵיי אִיךְ אַרוֹיס אוּן אִיךְ בַּאהַאלְט זִיךְ - אוֹיבּ אִיךְ קֶען."

"שְׁרַגָא מַיינֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן: טְרֶערְן זֶענֶען אַ מַתָּנָה. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז וֵויינֶען אוּן פַארְגִיסְן טְרֶערְן אִיז אַ בּוּשָׁה; דֶערְפַאר קִילְן זֵיי אָפּ זֵייעֶר מֹחַ אוּן הִיטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן פוּן גָארְנִישְׁט, כְּדֵי עֶס זָאל זֵיי חָלִילָה נִישְׁט קוּמֶען צוּ וֵויינֶען. עֶס זֶענֶען אֲפִילוּ דָא אַזֶעלְכֶע וָואס גֵייעֶן דוּרְךְ פִילֶע יָארְן אָן וֵויינֶען, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן. אָבֶער דוּ בִּיסְט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט דִי מַתָּנָה פוּן וֵויינֶען אוּן טְרֶערְן; דָאס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלֶה וָואס בְּרֶענְגְט דָאס הַארְץ זֵייעֶר נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער."

**אִין דִי מַעֲשֶׂה הָאבְן מִיר גֶעזֶען דִי קֶענִיגְן זִיצְן אִין אַ יַם פוּן טְרֶערְן. אַ יַם פוּן טְרֶערְן אִיז אַ בַּאוַוייז אוֹיף אַ רִיזִיג, וַוארֶעם אוּן רַחֲמָנוּת'דִיג הַארְץ. וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מִיר דַארְפְן אוֹיפְפְלַאמֶען אוּנְזֶער הַארְץ צוּ אוּנְזֶער פָאטֶער אִין הִימְל.**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (17)

**דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵי אַלֶע גִיגַאנְגֶען** זוּכִין דִי אִיבְּרִיקֶע זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז אַ בֶּן שָׁנָה

**וָוארִין זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה** וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ מְזוֹנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט נִיט גִישְׁפַּייזְט פוּן דֶעם עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן. דֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. **הָאבִּין זֵיי אוֹיף גִינוּמֶען דֶערְוַוייל** אֵיין עוֹשֶׁר פַּאר אֵיין מֶלֶךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ מֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אַ יַם פוּן מִילִיךְ. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט זִיךְ גִישְׁפַּייזְט זִינְט עֶר לֶעבְּט פוּן מִילִיךְ. אוּן עֶר וֶוערְט נִיט גִישְׁפַּייזְט פוּן עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. **אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ.** אוּן אִיבֶּער דֶעם הֵייסְט עֶר אַ בֶּן שָׁנָה וַוייל עֶר לֶעבְּט פוּן מִילִיךְ וִוי אַ בֶּן שָׁנָה (דְהַיְינוּ אַ קִינְד פוּן אֵיין יָאר). **הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסְן אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי דָאס קִינְד זֵייעֶרְס.** הָאבִּין זֵי גִיבֶּעטִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען מֶעלְדִיוֶוען זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ אִים הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע וָוארִין עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ דֶערְקֶענְט חָאטְשֶׁע עֶר אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד דֶעמוּלְט אַז עֶר אִיז אַוֶועק גִיחַאפְּט גִיוָוארְן. **לוּשְׁמִיר וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען אַ גְרֵייטֶער חָכָם** וִוי עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ גִיבּוֹירְן גִיוָוארִין מִיט גְרֵייטֶער חָכְמָה כַּנַּ"ל. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זֵיי דֶערְקֶענְט. אוּן זֵי הָאבִּין אִים בְּוַודְאַי דֶערְקֶענְט. **אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶוען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.** לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין נָאךְ גְוֵוייְנְט וָואס זֵיי וֵוייסִין נִיט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דֶער מַלְכָּה. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. **הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמוּלְט** אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט אִים אַוֶועק גִיחַאפְּט הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיטְרָאגְן וִוי הִין עֶר הָאט אִים גִיטְרָאגִין אִיז עֶר דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְחַיָּה גִיוֶוען מִיט וָואס עֶר הָאט דָארְט גִיפוּנֶען. **בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם יַם פוּן מִילִיךְ.** הָאט עֶר פַּארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודְאַי גִיוָוארִין פוּן זַיין מוּטֶערְס מִילִיךְ. וָוארִין דִי מִילִיךְ הָאט זִי בְּוַודְאַי גִישְׁפַּייזְט. אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם. **אִיז עֶר דָארְט גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם יַם פוּן מִילִיךְ.** אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין גִישְׁפַּייזְט פוּן דֶער מִילִיךְ בִּיז דִי מְדִינָה זֶענֶען גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אֵיין מֶלֶךְ.

**דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַז רְצִיחָה אִיז דֶער תַּכְלִית. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ אֵיין רוֹצֵחַ. **דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אֵיינֶע**

אִיז גִיזֶעסִין אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט. הָאבִּין זֵיי זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן. אַז זִי אִיז בְּוַודַּאי זֵייעֶר אַ גְרוֹסֶער רוֹצֵחַ וָוארִין זִי זִיצְט זִיךְ אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט. **הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ מִיט אִיר זֶעהְן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִּיוֶועט. **זֶענֶען זֵיי צוּ אִיר אַרַיין גִיגַאנְגֶען.** אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דִּי מַלְכָּה הַנַּ"ל. **וָואס זִי פְלֶגְט תָּמִיד וֵויינֶען.** אוּן פוּן אִירֶע טְרֶערִין אִיז גִיוָוארִין דֶעם יַם פוּן בְּלוּט כַּנַּ"ל. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט.** אִיז דָארְט בְּוַודַּאי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה לוּשְׂמִיר זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיוֵוייְנְט. וָואס זֵיי וֵויסִין נָאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ נִיט.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן פַאר אַ מֶלֶךְ אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד. (כְּלוֹמֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט כָּבוֹד וְכוּ' כַּנַּ"ל) וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד. **דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען סֶע אִיז גִיזֶעסִין אִין פֶעלְד.** אַ זָקֵן אָנְגִיטָאן אִין אֵיין קְרוֹין אוֹיף זַיין קָאפּ. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין. וָוארִין עֶר אִיז אַ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר זִיצְט אִין פֶעלְד אָנְגִיטָאן אִין אֵיין קְרוֹין. הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין.** אַז דָאס אִיז בְּוַודַּאי זֵייעֶר מֶלֶךְ אַלֵיין. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ מִיט אִים זִיךְ צוּ זֶעהְן. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִּיוֶועט. **זֶענֶען זֵיי צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען** הָאבִּין זֵיי דֶערְקֶענְט. אַז דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין. **אוּן דִּי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען קָאן מֶען בְּוַודַּאי נִיט מְשַׁעֵר זַיין אִין מוֹחַ.** אוּן דִּי נַארִישֶׁע גָאטִין (דְּהַיינוּ דִּי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען) **גֵייעֶן מִיט** זֵיי. אוּן זֵיי וֵוייסִין גָאר נִיט פוּן זֵייעֶר לֶעבִּין וָואס דָא טוּט זִיךְ. וָואס מֶע אִיז דָא אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. **אוּן הַיינְט זֶענֶען שׁוֹין וִוידֶער** אוּן אֵיינֶעם צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער קִיבּוּץ. דְּהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ מִיט דִּי אַלֶע הֵיילִיגֶע לַייט.

**הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה צוּ דִּי אַלֶע מְדִינוֹת** (דְּהַיינוּ דִּי מְדִינוֹת פוּן אַלֶע כִּתּוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַאר אַ תַּכְלִית כַּנַּ"ל). **אַז עֶר זָאל** זֵיי פַאר רֶעכְטִין. אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיקִין. עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶר פַאר פִירְטְקֵייט.

**אִיטְלִיכֶע מְדִינָה זָאל עֶר אַרוֹיס פִירִין פוּן אִיר שְׁלֶעכְץ** אוּן פוּן אִיר נַארִישְׁקֵייט. וָוארִין זֵיי אַלֶע זֶענֶען זִיךְ פַארְפִירְט גִיוָוארִין כַּנַּ"ל.

**אוּן הַיינְט הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה בְּוַודַּאי כֹּחַ גִיהַאט** צוּ זֵיי צוּ גֵיין אוּן זֵיי אוּמְקֶערִין צוּם רֶעכְטִין וֶועג.

**וָוארִין עֶר הָאט גִינוּמֶען כֹּחַ אוּן רְשׁוּת פוּן דִּי מְלָכִים פוּן דִּי אַלֶע מְדִינוֹת.**

וָוארִין דָא זֶענֶען זִיךְ גִיוֶוען אַלֶע מְלָכִים זֵייעֶרֶע כַּנַּ"ל (וָוארִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִּי לַייט וָואס זֵיי זֶענֶען זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען זֵיי אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מְלָכִים פוּן דִּי אַלֶע מְדִינוֹת פוּן דִּי כִּתּוֹת הַנַּ"ל).

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר כֹּחַ עֶר זָאל זֵיי רֵיינִיקִין אוּן זָאל זֵיי מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין.**

נאמען: ______________

# לאמיר זיין פאר הערן



## די צווועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (17)

**א. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג

**ב. וואו האבן זיי געטראפן דעם קינד ווען זיי האבן אים גענומען פאר א קעניג?**

- ❑ אין א ים פון וויין
- ❑ אין א ים פון מילך
- ❑ אין א ים פון בלוט

**ג. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג

**ד. פון וואס איז געווארן די ים פון בלוט?**

- ❑ פון וויין
- ❑ פון קלעפ וואס זי האט גכאפט
- ❑ פון די טרערן פון די מלכה וואס זי פלעגט תמיד וויינען

**ה. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון כבוד און דער מלך איז זייער קעניג

**ו. וואו האט די כתה אים געטראפן?**

- ❑ אין זיין חצר ווען ער איז געזעסן מיט אסאך קעניגן
- ❑ אין פעלד מיט א קרוין אויף זיין קאפ
- ❑ אין זיין פאלאץ מיט אלע שרים ארום אים

**ז. וויאזוי שטעלט דער רבי פאר, די שמחה ווען זיי האבן געטראפן דעם מלך?**

- ❑ שמחות און בכיות
- ❑ א שמחה אהן א סוף
- ❑ א שמחה וואס מ'קען נישט משער זיין אין מח

**ח. צו וואו האבן זיי געשיקט דעם בעל תפלה נאכדעם וואס די הייליגע קיבוץ האט זיך געטראפן?**

- ❑ צו רייניגן די מדינה של עשירות פון תאוות ממון
- ❑ צו רייניגן די כתה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו רייניגן אלע מדינות פון זייער טעות

***ט. פאלק מכות: וויפיל פון די אנשי המלך זענען צוזאמען געטראפן?***

- ❑ *ניין - דער בעל-תפילה און דער גבור, דער מאונה, און דער חכם, דער מליץ און דער אוהב נאמן, די בת מלכה, דער מלך און די מלכה.*
- ❑ *צען - דער בעל-תפילה און דער גבור, דער מאונה, און דער חכם, דער מליץ און דער אוהב נאמן, די בת מלכה און דאס קינד, דער מלך און די מלכה.*
- ❑ *עלף - דער גבור, דער מאונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מליץ, דער אוהב-נאמן די מלכה און דער מלך.*

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### אויף וועמען שטייט ?

הָאבִּין די דְרַיי גִיזָאגְט אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער ?
הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוּיסִין דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דֶער ?
הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוּיסִין. דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין ?
הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטוּיסְן אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי ?
הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוּיסִין. אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר ?
ביי וועמען שטייט נישט אז זיי האבן פארשטאנען ווער איז דאס ?

### ביי וועמען שטייט ?

אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ?
אִיז גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ?
אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ?
אוּן די שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען. קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין ?
אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶוען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ?
אִיז דָארְט בְּוַודְאַי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ?
אוּן די שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין אִין מוֹחַ ?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (16)

וועלכע פון די אנשי המלך האט געקעניגט אויף צווי מדינות, - און אויף וועלכע צווי מדינות האט ער געקעניגט ? דער גבור – אויף די כתה פון גרויסן די איברים און אויף די כתה פון ישוב העולם

אוואו זעט מען ביי די מעשה וואס מיר האבן די וואך געלערנט אז "אביסל איז אויך גוט" ? הָאט זִי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיקִין אַבִּיסִל דֶערְוַוייל

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּעַ וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶש־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com